**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/23/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**סטעיטמענט פון גאווערנער קעטי האקול איבער ווייסער הויז באזוך**

"הײנט בין איך געפארן צו דעם ווייסן הויז צו אפהאלטן אפהאנדלונגגען מיט פרעזידענט ביידן, טשיעף אָוו סטעף זיענטס, סעקרעטאר מעיארקעס און אנדערע ווייסער הויז בעאמטע. איך האב געהאט א געלעגנהייט צו אויסדרוקן מיין הכרת הטוב פאר פרעזידענט ביידן'ס פירערשאפט פון אונזער עקאנאמיע, פארזיכערנדיג גרויסארטיגע אינוועסטירונגען אין טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור און ריינע מעניופעקטשורינג וואס וועט שאפן צענדליגע טויזנטע דזשאבס אריבער ניו יארק.

מיר האבן אויך געהאט א רייע פון פרוכטבארע באגעגעניש, קאנצענטרירנדיג זיך אויף אימיגראציע און אויף דאס טרעפן לייזונגען צו ניו יארק'ס מיגראנטן קריזיס. די באשלוס פון ספיקער דזשאנסאן און די קאנגרעס מאיאריטעט צו אוועקווארפן אן אומפארטייאישע פשרה אויף אימיגראציע וועט האבן חורבנות-אנזייענדע קאנסעקווענצן פאר אונזער סטעיט. נישט האבנדיג די געזעץ, האב איך אויסגעדרוקט פאר פרעזידענט ביידן און טשיעף אָוו סטעף זיענטס אז ניו יארק וועט שטיצן עקזעקיוטיווע שריט אויף אימיגראציע.

די באגעגעניש האבן געמאכט איין זאך גאר קלאר: פרעזידענט ביידן איז דער פירער וואס אונזער לאנד דארף אין די שווערע צייטן."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן